בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאְרְ׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ז**

413

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי קִילְט מֶען אָפּ דֶעם בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרָע?.................... א
גֵיין וַוייטֶער צוּ שַׁבָּת סְעוּדוֹת צוּ מַיין שְׁוִויגֶער?.................... ד
גֶעבְּן גֶעלְט פַּאר גֶעשְׁוִוּיסְטֶער וָואס בֶּעטְן פַּאר מַתָּנוֹת?.................... ה
לֵייגְן תְּפִלִּין דְּרַבֵּינוּ תַּם נָאךְ דִי שְׁקִיעָה?.................... ז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט הֶעלְפְן דִי מוֹסָד .................... א
וֶוערְן פְּרִישׁ.................... ב
בַּאצָאלְן פַּאר דִי גְנֵיבָה .................... ב
נִישְׁט צֶעמִישְׁן דִי קִינְדֶער פוּן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁטִיבֶּער.................... ב
אַייעֶר לֶעבְּן לִיגְט אִין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט .................... ג
נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי עֶלְטֶערְנ׳ס וֶועגְן.................... ד
בַּייסְן נֶעגְל .................... ה
מְסִירוּת נֶפֶשׁ נִישְׁט צוּ עֶסְן טְרֵפוֹת .................... ה
גֵיין צוּ אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פוּן דִי מִשְׁפָּחָה?.................... ז
בְּרֶעךְ דוּרְךְ דִי קַאלְטְקֵייט אוּן בַּאבְלָאזְנְקֵייט.................... ח
רֶעד נִישְׁט אוֹיס דַיינֶע בִּלְבּוּלִים צוּ דַיין וַוייבּ .................... ט
שְׁפְּרֵייט אוֹיס גִלְיוֹנוֹת אִין דַיין גֶעגְנְט.................... י
דִי אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ .................... יא
דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְן סֵייבֶּער טְרָאק.................... יז

פַאלְן בַּיימֶער אִינְמִיטְן הִתְבּוֹדְדוּת..........יח

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי קַבָּלַת שַׁבָּת..........יח

מִיט אֱמוּנָה וֶועט אַלֶעס גוּט..........כ

צְוֶועלְפְטֶע גֶעבּוּרְטְסְטָאג..........כא

מִתְפַּלֵל זַיין אַז דִי שְׁוֶועסְטֶער זָאל תְּשׁוּבָה טוּן..........כא

הֶעלְפְן דֶעם מַאן מִיט פַּרְנָסָה..........כא

דִי אֱמוּנָה וָואס וֶועט אַרַיינְגֶעבַּאקְן אִין דִי קִינְדֶער..........כב

מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א, מְסוּגָל פַאר רְפוּאָה..........כד

זַיי מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד..........כו

אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, מִיט שָׁלוֹם בַּיִת..........כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי אַזוֹי קִילְט מֶען אָפּ דֶעם בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרָע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ פַאל אַרָאפּ אֵיין מָאל אַ וָואךְ אָדֶער אֲפִילוּ צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ פוּן טֶעלֶעפָאנְס, מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזַא טֶעלֶעפָאן, אוּן אֲפִילוּ אַזוֹי קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן. אִיךְ וִויל בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל רֶעדְן פוּן פָּשׁוּט הִיטְן דִי אוֹיגְן וֶוען מֶען גֵייט אוֹיפְן גַאס, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען שְׁוֶוער.

אִיךְ זָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז דָאס וֶועט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, וַוייל אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט - אִיז דָאס חַי וְקַיָּם אֱמֶת לַאֲמִתָּהּ, אָבֶּער בִּיז דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ מַמְשִׁיךְ צוּ פַאלְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ה מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**שְׁרֵייא צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁרֵייא אוֹיס דַיין הַארְץ צוּ אִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶוען מֶען פַאלְט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן: ״טַאטֶע טַאטֶע, הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע״. קוּק אַרַיין דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן**

וואו דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִימָן קכט): "וְאַפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרַיין אַמָאל אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין", שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶען שְׁרַייט, אוּן מֶען שְׁרַייט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "אוּן אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר, אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, וַוייל אַז מֶען קוּקְט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) זֶעט מֶען זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקְלֶעדִיגֶע זַאךְ, מֶען זֶעט אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קֵיין תְּשׁוּבָה אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן קֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן"; דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים זָאגְן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין דִי עֲבֵירָה, אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ נֶעם מִיךְ פָאר כְּסֵדֶר אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן, אוּן יֶעדֶע מָאל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אִין דִי נִסָּיוֹן, אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ".

דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית שְׁלֶעפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ שְׁטַארְקֶע עַצְבוּת, מֶען פַארְלִירְט הָאפֶענוּנְג, מֶען גֶעבְּט אוֹיף, מֶען ווִיל מֶער נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין זִיךְ אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, בִּיז מֶען טְרֶעפְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען הֶערְט זַיין גֶעשְׁרֵיי, זַיין גֶעוַואלְד, וִוי עֶר שְׁרַייט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען", דֶער

רֶבִּי מוּטִיגְט אוּנְז אוּן שְׁטוּפְּט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה 'הִתְבּוֹדְדוּת', מִיר זָאלְן גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער.

בְּרוּדֶער דָא הָאסְטוּ אַ הַארְצִיגֶע תְּפִלָּה, נֶעם דָאס אִין דַיין ווִינְקֶעלֶע אוּן זָאג דָאס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוֹת נִיאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר שׁוֹין נִמְאָס. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וֶועט דָא זַיין? עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ שְׁפִּיל, יֶעדְן טָאג זָאג אִיךְ דִיר אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי זַיין וואוֹיל, אוּן נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ צוּרִיק אִין דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אִיךְ טוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית קוֹדֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי טִיף אִין דִי נֶעץ בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ, דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז, אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ רֶעד מִיךְ אַיין אַז דוּ דַארְפְסְט מִיךְ נִישְׁט וְכוּ'".

נָאךְ אַן עֵצָה אוּן אַ שְׁמִירָה אִיז דָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַאר דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אִין דִי מַצָּב פוּן זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, זִיךְ צוּ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי עֲבֵירָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט, מֶען קֶען זֶען דִי פָּנִים פוּן דִי וָואס זֶענֶען אִין דִי נֶעץ, דִי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט): "כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת כַּיָּדוּעַ, כִּי פְּגַם הַבְּרִית בָּא עַל יְדֵי הַקְּלִפָּה הַיְדוּעָה שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית, עַל שֵׁם שֶׁמְּיַלֶּלֶת תָּמִיד", דֶער עִיקָר פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז וַוייל עֶר

אִיז בְּעַצְבוּת, עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט; בְּכֵן זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, הֶער לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק וָואס מַאכְט פְּרֵיילִיךְ, טַאנְץ אוּן פַּאטְשׁ, אוּן טוּ וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין וַוייטֶער צוּ שַׁבָּת סְעוּדוֹת צוּ מַיין שְׁוִויגֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁווִיגֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ פַּיינִיגְן מַיין שְׁוֶוער בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת, מַיין שְׁוֶוער'ס בְּלוּט גִיסְט זִיךְ וִוי וַואסֶער, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶער זֵיי בֶּעטְן מִיר יָא צוּ קוּמֶען צוּ סְעוּדוֹת, זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ה מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיבּ דַיין שְׁווִיגֶער פַּיינִיגְט דַיין שְׁוֶוער בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט גֵיין עֶסְן דָארְט דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת; אַזוֹי וֶועט זַיין גְרִינְגֶער פַאר אִים, וַוייל וֶוען אַן אֵיידֶעם קוּמְט, אַ פְרֶעמְדֶער קוּמְט - אִיז דָא אַבִּיסְל בּוּשָׁה וְכוּ׳.

דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט כָּבוֹד צוּ דַיין שְׁוֶוער, אִים מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז וֶוערְד, וֶוען עֶר רֶעדְט זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל, נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן, נָאר קוּקְן אוֹיף אִים אוּן אִים אוֹיסְהֶערְן.

אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבְּן גֶעלְט פַאר גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס בֶּעטְן פַאר מַתָּנוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג מִיט גֶעשְׁוִויסְטֶער וֶוען זֵיי בֶּעטְן גֶעלְט פַאר מַתָּנוֹת? פַּאר אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אַבִּיסְל גֶעלְט פַאר אַ מַתָּנָה פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, יֶעצְט בֶּעט מֶען מִיר פַאר אַ מַתָּנָה פַאר אֵיינֶע פוּן דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן צוּ אַ נַייעֶ דִירָה.

מַיין מַאן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת מִיר צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר רוּמֶערְקֶעס אוּן פַאר גְרָאסֶערִי. אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן בְּשָׁלוֹם סַיי מִיט מַיין מַאן אוּן סַיי מִיט מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּן בִּפְרַט פַאר דִי מִכְתְּבֵי יוֹמִי, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זָאגְן פַאר אַייעֶר מַאן אַז מֶען הָאט אַייךְ גֶעבֶּעטְן גֶעלְט פַאר מַתָּנוֹת וְכוּ׳, אוּן אַז אַייעֶר מַאן וֶועט אַייךְ גֶעבְּן - אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ גוּט; אִיר דַארְפְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט, אוּן אַז מֶען וֶועט אַייךְ דְרוּקְן צוּם וַואנְט ׳וואוּ אִיז דִי גֶעלְט?׳ זָאלְט אִיר זָאגְן ׳מִיר הָאבְּן נִישְׁט יֶעצְט, מִיר זֶענֶען יֶעצְט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט מִיט דִי גֶעלְט׳.

וֶוערְט נִישְׁט צֶעדְרוּקְט פוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, לֶעבְּט אַייעֶר זִיסֶע לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן אַז דִי מִשְׁפָּחָה מַאכְט אָפּ מֶען גֵייט אַזוֹי טוּן, מֶען גֵייט אַהֶער טוּן - דַארְפְט אִיר נִישְׁט וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעדְרוּקְט.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, שְׁמוּעֶסְט

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ, דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן וֶועלְן גֶעפֶּעלְן דֶעם אוּן יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ', דָאס וֶועט אַייךְ מַאכְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין דִי אַלֶע פֶּעי"ר פְּרֶעשׁוּ"ר.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים פַארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

מוֹהַרְנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד' - הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייגְן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם נָאךְ דִי שְׁקִיעָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען קֶען לֵייגְן לְכַתְחִילָה תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם נָאךְ דִי שְׁקִיעָה פוּן דִי גְאוֹנִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין אִינְאֵיינֶעם מִיט רַשִׁ״י; גְלַייךְ בַּיים אוֹיסְטוּן תְּפִילִין פוּן רַשִׁ״י, גְלַייךְ אָן קֵיין הֶפְסֵק - זָאלְסְטוּ אָנְטוּן תְּפִילִין פוּן רַבֵּינוּ תַּם; מַאךְ נִישְׁט דִי צֶעדְרֵייטֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דִי עוֹבְדִים, דִי פְּלִיטֶעס - מַאכְן.

גְלַייךְ נָאךְ קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל זָאלְסְטוּ אוֹיסְטוּן דִי תְּפִילִין פוּן רַשִׁ״י אוּן אָנְטוּן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין, עֶנְדִיג דָאס דַאוֶוענֶען בִּיז נָאךְ עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ, אוּן נָאךְ עָלֵינוּ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן זָאג דִי פִּיר פַּרְשִׁיּוֹת אוּן לֶערְן הֲלָכָה. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט (סֵפֶר קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה): ״וְלָכֵן נָהֲגוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁתֵּכֶף וּמִיַּד אַחַר הַתְּפִלָּה, קוֹדֶם שֶׁחוֹלְצִים אֶת הַתְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם - לוֹמְדִים שִׁיעוּר פָּשׁוּט בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר וְרָמָ״א כְּסִדְרָן בְּכָל יוֹם, מְעַט אוֹ הַרְבֵּה, כְּפִי מִסַּת הַפְּנַאי, וְכַךְ מְקַיְּמִים וּמַשְׁלִימִים אֶת רְצוֹן רַבֵּינוּ, הֵן שֶׁהִקְפִּיד לְהָנִיחַ תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם בְּכָל יוֹם, וְהֵן שֶׁהִקְפִּיד שֶׁיִּלְמְדוּ שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם״, עַיֵּן שָׁם.

דִי זַאךְ פוּן לוֹיפְן אָנְטוּן תְּפִילִין בַּיי דִי שְׁקִיעָה וָואס מֶען זֶעט בַּיי דִי פְּלִיטֶעס - וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט הֶעלְפְן דִי מוּסָד**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בַּאקוּם אַזֶעלְכֶע גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן פוּן דַיין דְרֵייוְון דִי בָּאס יֶעדְן אִינְדֶערפְרִי; פוּן דַיין פִּינְקְטְלִיכְקֵייט, פוּן דַיין עֶרְלִיכְקֵייט וְכוּ', מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ'; הַלְוַאי זָאלְן נָאךְ אַפָּאר בִּיזְנֶעסְלַייט דָאס טוּן, אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט הֶעלְפְן דִי מוּסָד.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ מְחַזֵּק דַיין חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל אוֹיךְ מַאכְן אִינְדֶערְפְרִי אַ בָּאס רוּט פַאר בֵּית פֵיגָא, אַזוֹי וִוי דִיר. ... הָאט דָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַצְלָחָה מִיט דְרֵייוְון אִינְאֵיינֶעם מִיט דִיר, נָאךְ יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶנְק זֶענֶען גֶעוֶוען בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, ווייל אִיךְ הָאבּ אַ דְרֵייוֶוער וָואס קוּמְט יֶעדְן טָאג שְׁפֶּעט אוּן דִי סְקוּל וֶוערְט צֶעפָארְן, אַ טֵייל קִינְדֶער קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן אַ טֵייל קִינְדֶער קוּמֶען שְׁפֶּעט, דִי טִיטְשֶׁערְס וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן דִי לִימוּדִים.

זַיי אִים מְחַזֵּק, זָאג אִים אַז מֶען דֶערְלֵייגְט נִישְׁט פוּן אָנְהֵייבְּן דִי טָאג מִיט הֶעלְפְן דִי מוּסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוערְן פְּרִישׁ

**אֵיינֶער פְרֶעגְט:**

אִיךְ ווִיל וֶוערְן פוּן פְּרִישׁ מְקוּרָב, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הָאב זִיךְ שׁוֹין בַּאקְוֶועם גֶעמַאכְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ זִיץ שׁוֹין דָא, אוּן אִיךְ ווִיל צוּרִיק מַיין הִתְלַהֲבוּת וָואס אִיךְ הָאב גֶעהַאט אִין אָנְהוֹיב, ווִי אַזוֹי בַּאוַוייזְט מֶען דָאס?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת.

...

## בַּאצָאלְן פַאר דִי גְנֵיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, **מְנַהֵל יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא נֶעמֶען פוּן דְרַיי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה וָואס גַנְבְ׳עֶנֶען בַּיים קִיאַסְק, זֵיי הֶעקְן אַרַיין אִין דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס. אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זֵיי זָאגְן אַז זֵיי דַארְפְן שׁוֹין בַּאצָאלְן פַאר דִי גְנֵיבָה פַאר הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ פִירְן דִי קִיאַסְק פַאר דִי קְהִילָה, אוּן זָאג זֵיי אַז 'סוֹף גַנָב לִתְפִיסָה', אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ גַנְבְ׳עֶנֶען, קוּמְט מֶען אָן בַּיים סוֹף אִין תְּפִיסָה; דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי עוֹנֶשׁ הַקָּשֶׁה וְהַמָּרָה פוּן גִלְגוּל.

עֶס אִיז מִיר אַ בִּזָיוֹן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים גַנְבְ׳עֶנֶען.

...

## נִישְׁט צֶעמִישְׁן דִי קִינְדֶער פוּן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁטִיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

וֶוען אִיר רֶעדְט אִין כִּתָּה צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ

אָפְּשֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידוֹת אִין כִּתָּה וָואס דִי עֶלְטֶערְן שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט אָפּ, זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי אִיר רֶעדְט, נָאר רֶעדְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט דֶערְפוּן, נִישְׁט רֶעדְן שַׁארְף, נִישְׁט וֵויי טוּן אוּן נִישְׁט צֶעמִישְׁן דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁטִיבֶער, זֵיי נִישְׁט וֵויי טוּן אוּן דֶערְשְׁרֶעקְן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ אִין אָנְהֵייבּ, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג - גוּט אוֹיסְגֶעפְּרֶעגְט דִי תַּלְמִידִים וֶוער זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען, וואוּ זֵיי גֶעהֶערְן, וואוּ זֵיי דַאוֶונֶען, וֶוער זֶענֶען דִי זֵיידֶעס פוּן אַלֶע זַייטְן; כְּדֵי צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ רֶעדְן, וַוייל אַמָאל קֶען מֶען אֵיינֶעם וֵויי טוּן אוּמְוִוילְנְדִיג.

רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צְנִיעוּת, פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, פוּן דִי בְּרָכוֹת וָואס מֶען בַּאקוּמְט; אַזוֹי וֶועלְן דָאס דִי תַּלְמִידוֹת אָנְנֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַייעֶר לֶעבְּן לִיגְט אִין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר לֶעבְּן לִיגְט אִין אַייעֶרֶע הֶענְט, עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶר מַאן, נִישְׁט אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן נִישְׁט אַייעֶרֶע שְׁכֵנִים, עֶס אִיז אַייךְ אַלֵיין, וִוי אַזוֹי אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף זֵיי - אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין; אַז אִיר וֶועט זוּכְן גוּטְס אִין אַייעֶר מַאן וֶועט עֶר זַיין גוּט, אַז אִיר וֶועט זוּכְן גוּטְס אִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִין אַייעֶרֶע אַרוּמִיגֶע - וֶועלְן אַלֶע זַיין גוּט, אוּן אַז אִיר וֶועט זוּכְן שְׁוַוארְצֶע פִּינְטְלֶעךְ אוֹיף אַייעֶר מַאן וֶועט דִי לֶעבְּן וֶוערְן אַ שְׁטִיק פִּינְסְטֶערְנִישׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי עֶלְטֶערְנְ'ס וֶועגְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס רֶעדְט אִיר צוּ יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ זָאלְן זִיךְ אוֹיסְטוּן זֵייעֶר לְבוּשׁ וְוִי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן? אִיר ווִילְט מֶען זָאל דָאס טוּן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער? אִיר ווִילְט אֵיינֶער זָאל זָאגְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער 'פַייף אָן דַיינֶע עֶלְטֶערְן'? וואוּ אִיז אַייעֶר שֵׂכֶל?!

בִּכְלַל, וְוִי קֶענְט אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן דִי לַאנְגֶע שֵׁייטְלֶען, וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט פַאר אַלֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ לַאנְגֶע שֵׁייטְל?! מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעווִיזְן אוֹיף זַיין אַקְסְל, אַז בִּיז דִי אַקְסְל קֶען זַיין דָאס לֶענְגְסְטֶע, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל וָואס רִירְט אָן דִי אַקְסְל; אִיז פַארְוָואס טוּט אִיר דָאס צוּ אוּנְזֶער קְהִילָה?!

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, קִילְט נִישְׁט אָפּ אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא זֵיי זָאלְן אַוֶועקְגֵיין פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְנְ'ס וֶועג, זֵיי זָאלְן אָנְפַייפְן דִי עֶלְטֶערְן; וָואס רֶעדְט אִיר אִיבְּרִיג, אַז אִיר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעפִּיפְן אַייעֶר טַאטֶע וֶוען עֶר הָאט אַייךְ גֶעבֶּעטְן צוּ גֵיין אַן אֵיידֶעלֶע שֵׁייטְל, אוּן אִיר זֶענְט אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה וְוִי אַזוֹי פַאר אַייךְ שְׁמֶעקְט...?

דִי וֶועלְט זָאגְט 'הִיסְטֶערִי" רֶעפִּיטְ"ס', הִיסְטָארִיעֶ חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער - דִי וֶועג וְוִי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן, אוּן אַז מֶען מַאכְט אַמָאל אַנְדֶערְשׁ וְוִי דִי עֶלְטֶערְן לוֹיט דַעַת תּוֹרָה, נָאכְן פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער רָב אָדֶער דַיָּן - דַארְף דָאס זַיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה, נִישְׁט מִיט בִּיטוּל אוּן חוֹזֶק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּייסְן נֶעגְל

**אֵיינֶער פְרֶעגְט:**

מַיין אִינְגְל פוּן פִיר יָאר בַּייסְט זַיין נֶעגְל; זָאל אִיךְ אִים נָאר דֶערְמַאנֶען אָדֶער זַיין שְׁטְרֶענְג? זָאל אִיךְ שְׁמִירְן עֶפֶּעס? אָדֶער וואַרְטְן עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מֶעגְסְט אִים זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט, אוּן לֶערְן אִים אוֹיס עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## מְסִירוּת נֶפֶשׁ נִישְׁט צוּ עֶסְן טְרֵפוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד פוּנֶעם קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה וִוי עֶר לִיגְט אִין אַ בַּאראַק אוּן מֶען בְּרֶענְגְט עֶסְן.

אִיךְ וִויל מַאכְן נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה׳לֶע פַאר קִינְדֶער, אִיךְ וִויל אַרַיינְבְּרֶאקְן אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, דָאס וֶועט אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן זַיין צַדִּיקִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןְ אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

דִי בַּאן פָּארְט שׁוֹין אַזוֹי אַפָּאר טֶעג, נִישְׁטָא קֵיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, נִישְׁטָא קֵיין וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען, נִישְׁטָא אֲפִילוּ אַ בֵּית הַכִּסֵּא, אִין יֶעדֶע וָואגְן

זֶענֶען שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן אַפָּאר מֶענְטְשְׁן, עֶנְדְלִיךְ דִי בַּאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת צוּ דִי עֶרְגְּסְטֶע פְּלַאץ וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין דִי וֶועלְט, קַיין א ו שְׁ וִו י ץ...

דָארְט אִין אוֹשְׁוִויץ הָאט מֶען פַארְבְּרֶענְט אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן, דִי קִינְדֶער אוּן דִי עֶלְטֶערֶע אוּן דִי שְׁוַואכֶע הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'עֶט אוּן פַארְבְּרֶענְט, אוּן דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט כֹּחַ הָאט מֶען גֶענוּמֶען אִין דִי אַרְבֶּעטְס לַאגֶער זַיי זָאלְן אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מִלְחָמָה, פַאר דִי נַאצִיס, אוּן אֵיין מָאל אַ טָאג הָאט מֶען גֶעטֵיילְט עֶסְן.

אוֹיךְ רַבָּנִים צַדִּיקִים הָאט מֶען אַהִין גֶעטְרָאגְן, צְווִישְׁן דִי גֶעפַּיינִיגְטֶע אִידְן אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִּיק רֶבִּי יְקוּתִיאֵל יְהוּדָה הַאלְבֶּערְשְׁטַאם, דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אוּן וֶוען מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען טֵיילְט עֶסְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן פוּן לַיידְן אַזוֹיפִיל טֶעג הוּנְגֶער, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען וַוייטֶער אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען טֵיילְט עֶסְן, אַלֶע זֶענֶען גֶעלָאפְן כַאפְּן עֶסְן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַלֶעס הָאט מֶען מִיר צוּגֶענוּמֶען, מַיינֶע קְלֵיידֶער, מַיינֶע שִׁיךְ, אִיךְ לִיג דָא בַּיי דִי גוֹיִם אָן גָארְנִישְׁט, אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת, אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת"; עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבֶּעטְן עֶס זָאל פַּאסִירְן אַ נֵס...

קִינְדֶער, וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער וֵוייסְט? אַ נֵס הָאט פַּאסִירְט; אֵיינֶער קוּמְט צוּ לוֹיפְן אוּן פְרֶעגְט: "אִיר זֶענְט קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב?" עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן אַז עֶר אִיז אַ רָב, וַוייל דִי דֵייטְשֶׁע הָאבְּן עֶרְשְׁט גֶע'הַרְגְ'עֶט דִי רַבָּנִים, בִּיז יֶענֶער הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ בְּרוֹיט מִיט מַארְמֶעלַאדֶע אוּן עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס דָאס גְרוֹיסֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן אַפָּאר טֶעג אוּן זֵיי וֵוייסְן אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט הָאבְּן גָארְנִישְׁט קֵיין עֶסְן וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת, זֵיי וֶועלְן נָאר עֶסְן כָּשֶׁר'ס, פוּן דֶעם לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַז מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ עֶסְן נָאר מִיט אַ הֶכְשֵׁר.

צְוֵוייטְנְס לֶערְנֶען מִיר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, אַז וָואס מֶען דַארְף קֶען מֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן אַז מֶען בֶּעט - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֵיין צוּ אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פוּן דִי מִשְׁפָּחָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה; פוּן אֵיין זַייט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה צוּ דִי שַׁבָּתִים וָואס אַלֶע קוּמֶען - וֶוערְט אַ גַאנְצֶע קְרִיגֶערַיי, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - וָואס מִשְׁפָּחָה? וֶוען מִשְׁפָּחָה? ווִי מִשְׁפָּחָה? דָאס אִיז אַ נַייעֶ מְשׁוּגַעַת וָואס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען, דָאס קוּמְט פוּן דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז זֵיי אוּמֶעטִיג (בָּאוֹרֶ"ד) אִין שְׁטוּבּ, זוּכְן זֵיי וואוּ צוּ פַארְוֵוייל אוּן הוּלְיֶיעֶן, אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט עֶס צוּ מַאכְן מִיט אַ הֶכְשֵׁר, מִיט אַ נָאמֶען "שַׁבַּת הִתְאַחֲדוּת מִשְׁפָּחָה", אָבֶער וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ זִיצְן מִיט מַיין בְּרוּדֶערְ'ס מִשְׁפָּחָה אַ שַׁבָּת אוּן וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ זַיין מִיט מַיין שְׁוֶועסְטֶערְ'ס מִשְׁפָּחָה אַ שַׁבָּת? מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז אִיךְ, מַיין וַוייבּ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער בִּיז זֵייעֶר חֲתוּנָה, אוּן נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאף אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ לֶעבְּן מִיט דִי גֶעדַאנְק אוּן זָאגְן אַזוֹי, זִיצְן שַׁבָּת

קוֹדֶשׁ אִין שְׁטוּבּ מַאן אוּן וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט זֵיי דַארְף מֶען זִיצְן שַׁבָּתִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וֶוען יָא צוּ גֵיין אוּן וֶוען צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, אֶפְשָׁר אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט אֵיינְלַיידֶענֶען דַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן מַאכְן אַ פְּרִיוַואטֶע "שַׁבַּת הִתְאַחֲדוּת וְהִתְאַסְּפוּת הַמִּשְׁפָּחָה", דוּ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דַיין טַאטֶע מַאמֶע; דָאס אִיז שֵׁיין, דָאס אִיז הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּרֶעךְ דוּרְךְ דִי קַאלְטְקֵייט אוּן בַּאבְלָאזְנְקֵייט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אוּן זִי בַּאזִידְלְט דִיר - אִיז דָאס וַוייל עֶפֶּעס טוּט אִיר וֵויי, עַל פִּי רוֹב אִיז זִי בַּאלֵיידִיגְט אוּן נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ זָאגְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִיר, דֶערִיבֶּער שְׁרֵייט זִי, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ - וֶועסְטוּ זֶען וָואס שְׁטֶערְט אִיר אוּן אוֹיף וָואס דוּ דַארְפְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן.

בֶּעט אִיר אִיבֶּער, בְּרֶעךְ דוּרְךְ דִי אַייז, בְּרֶעךְ דוּרְךְ דִי קַאלְטְקֵייט אוּן בַּאבְלָאזְנְקֵייט, זַיי דוּ דֶער קְלוּגֶער וָואס בֵּייגְט זִיךְ אַיין דִי קָאפּ, אוּן אֲפִילוּ דוּ הַאלְטְסְט אַז מֶען דַארְף דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן - זַיי דוּ דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער, זַיי נִישְׁט דֶער גֶערֶעכְטֶער, זוּךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן, זוּךְ צוּ בְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זֶען נָאר דָאס גוּטְס אִין אִיר, עֶס זָאל דַיין חֵן צְווישְׁן עֶנְק. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה (שַׁבָּת נג:), אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גֶעלֶעמְטֶע פְרוֹי, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זִי אִיז גֶעלֶעמְט, בִּיז זִי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט. הָאט רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט:

"כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה שֶׁלֹּא הִכִּיר בְּאִשְׁתּוֹ", עֶס מוּז זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידֶל אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין וַוייבּ אִיר גַאנְץ לֶעבְּן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן פְּשַׁט, ווִי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זֶען אוּן ווִיסְן אַז זַיין וַוייבּ אִיז אַ גֶעלֶעמְטֶע? אוּן וָואס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ? נָאר פְּשַׁט אִיז, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען אִירֶע מַעֲלוֹת; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים רִימֶען אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט נִישְׁט חֶסְרוֹנוֹת אִין דִי וַוייבּ, ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, "כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה" - וָואס לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי וַוייבּ וָואס עֶר הָאט, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעד נִישְׁט אוֹיס דַיינֶע בִּלְבּוּלִים צוּ דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם דִיר אַ גוּטֶער חַבֵר; צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן דַארְף מֶען אַ גוּטֶע חַבֵר, רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס דַיינֶע בִּלְבּוּלִים צוּ דַיין וַוייבּ, אוּן אַז זַאכְן שְׁטֶערְן דִיר זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ גוּטֶער חַבֵר דָאס אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער נִישְׁט דַיין וַוייבּ, וַוייל אַז דוּ בִּיסְט צֶעמִישְׁט וָואס פֶעלְט אוֹיס אִיר צוּ צֶעמִישְׁן.

נֶעם דִיר אַ גוּטֶער חַבֵר וָואס מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, נִישְׁט סְתַּם שְׁמוּעֶסְן אוּן סְתַּם אַרוֹיסְגֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן פַארְוֵוילְן, דָאס אִיז נִישְׁט חֲבֵרִים, דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל גֶעוָוארְנְט אוּן גֶעלֶערְנְט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֵיין, אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם, נִישְׁטָא קֵיין חֲבֵרִים, אוּן אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען הָאט חֲבֵרִים וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם אַנְטוֹישְׁט, מֶען כַאפְּט אַזֶעלְכֶע פְּרַאסְקֶעס; נֶעם זִיךְ אַ חַבֵר וָואס מֶען רֶעדְט אוּן מֶען לֶערְנְט פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אוּן דָאס חַבְרוּתָא'שַׁאפְט זָאל בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט, נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מַאכְן פַּארְטִיס יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי אוּן זִיךְ צַאמְטְרֶעפְן

מִיט דִי בְּנֵי בַּיִת; מֶען רֶעדְט אַ חַבְרוּתָא אִין שׁוּל, אָדֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אָדֶער אַמָאל אַ שְׁפַּאצִיר וְכוּ'.

נָאךְ אַ גוּטֶע עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע בִּלְבּוּלִים אִיז זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס מַאכְט רוּאִיג, עֶס טְרַייבְּט אַרוֹיס דֶעם מְשׁוּגֶע'נֶער פוּן מֹחַ. אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): "כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשׁוּגָע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם", דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶעקְן, אוּן פּוּנְקְט וְוִי מִיט אַ מְשׁוּגֶע'נֶער קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן אִים נָארְמַאל מַאכְן, עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט, וָואס עֶר אִיז אַ רִיכְטִיגֶער מְשׁוּגֶע'נֶער - פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט דִי תּוֹרָה, נָאר דִי תּוֹרָה וֶועט אִים מַאכְן אוֹיפְהֶערְן, "וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָי"ו", דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וְוִי דִי אוֹיסְזֶעּן פוּנֶעם אוֹת ו', וַוייל דִי לוּחוֹת אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים אוּן לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים, "וְהַוָי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל", דִי אוֹת ו' זֶעט אוֹיס וְוִי אַ שְׁטֶעקְן, דָאס אִיז דִי שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז דִי ו' פוּן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט.

נָאכְאַמָאל, דַיינֶע סְפֵיקוֹת זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דַיין וַוייבּ זָאל דִיךְ זֶען טָאג אוּן נַאכְט אִין סְפֵיקוֹת, זִי דַארְף דִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן אוּן שֶׁעצְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס מְבַזֶּה זַיין.

מָארְגְן אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, מֶען זָאגְט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁפְּרֵייט אוֹיס גִּלְיוֹנוֹת אִין דַיין גֶעגְנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם פוּן בֵּית הַדְּפוּס גִּלְיוֹנוֹת אוּן לֵייג דָאס אִין דִי גֶעגְנְט פוּן דַיין שְׁטוּבּ; אִין שׁוּלְן, כּוֹלְלִים, יְשִׁיבוֹת וְכוּ'.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג), דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פַארְשֶׁעמֶען דִי תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן טוּן 'הַפָּצָה'; אוּן אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פַאר אַנְדֶערֶע, מְקָרֵב זַיין נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶענִיצְט דֶעם אוֹיסְדְרוּק: "אִיר זֶענְט 'טְרִיקֶענֶע בֵּיימֶער', עֶנְק גֶעבְּן נִישְׁט אַרוֹיס קֵיין פֵּירוֹת"; אַזוֹי וִוי טְרִיקֶענֶע בֵּיימֶער, אִילָנֵי סְרָק, עֵצִים יְבֵשִׁים.

שְׁרַייבּ זִיךְ אַיין בַּיי דִי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַדְּפוּס דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע גִּלְיוֹנוֹת, אוֹיךְ דִי זוֹהַר גִּלְיוֹן, אוֹיךְ דִי חִינוּךְ גִּלְיוֹן, אַלֶע גִּלְיוֹנוֹת; לֵייג דָאס אִין דִי שׁוּלְן אִין דַיין גֶעגֶנְט, אוּן נָאר אַז מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָּצָה בְּלַייבְּט מֶען בַּיים רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער בֶּעטְלֶער הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, דֶעם צְוֵוייטְן טָאג): "אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ, אַז אִיר וֶועט זַיי נִיט הֶעלְפִין וֶועט עֶס אַייךְ אוֹיךְ שַׁאטִין"; מֶען מוּז זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעטְרִיקֶנְט, אוּן דָאס וֶועט מְתַקֵּן זַיין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", אַז מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָּצָה, אִין דִי גְרוֹיסֶע זַאךְ פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט פַארְרָאכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי אֵייגְנַארְטִיגְקֵייט פוּן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

דַארְפְסְט נִישְׁט שִׁיקְן צוּ אוּנְז אִין דִי מוֹסָד, אָבֶּער חַבֵר דִיךְ מִיט גוּטֶע

חֲבֵרִים און מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פון אונְזֶער מוֹסָד; וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען בַּיי דִיר אַלֵיין, דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, און דַיין טַאטֶע הָאט בְּסַךְ הַכֹּל גֶעהַאלְטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דֶעמָאלְט הָאסְטוּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דוּ דַארְפְסְט דִי וֶועג פון רֶבִּי'ן, נָאר יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין אָפְּגֶעקִילְט וְכוּ'.

אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיב דוּ וֵוייסְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מוֹסָד, פַאר צְוֵויי סִיבּוֹת; עֶרְשְׁטְנְ'ס, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיטְן פָארְן קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און צְוֵוייטְנְ'ס, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעשְׁנִיטְן; פַאר דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד. וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דִי קִינְדֶער פון דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידִים בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, נִישְׁט סְתָּם תַּלְמִידִים, גְרוֹיסֶע חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידִים, וָואס הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִינֶעם הִתְנַצְּלוּת פון סֵפֶר שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף זֵיי אַזֶעלְכֶע לְשׁוֹנוֹת, תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי גְרוֹיס בֶּאֱמוּנָה וּבְגִלּוּי אֱלֹקוּת כְּמוֹ תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב וְהַמַּגִּיד זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אָבֶער דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט וִויסְן און הֶערְן פון רֶבִּי'ן צוּלִיבּ דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס אִיז אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער פון חֲבֵרִים און פון מְלַמְּדִים אִין זֵייעֶר חֵדֶר.

דֶעמָאלְט הָאבְּן מִיר זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַפָּאר חֲבֵרִים, מִיר זֶענֶען אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַז מִיר ווִילְן עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֵדֶר, אוֹיךְ וַוייל דֶעמָאלְט הָאט מֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער. און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶעמָאלְט מַדְרִיךְ גֶעוֶוען אוֹיף טְרִיט און שְׁרִיט ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי חֵדֶר, און פְרֶעג נִישְׁט וָואס אִיז אַרִיבֶּער דֶעמָאלְט אוֹיף מִיר, דִי בִּזְיוֹנוֹת, דִי שְׁפִיכוּת דָמִים פון דִי גַאס און פון מִשְׁפָּחָה, דִי חֵדֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אֵיין שְׁטִיק חוֹזֶק.

אוֹיךְ פון אִינֶעוֵוינִיג הָאט מֶען גָאר הוֹיךְ גֶעלַאכְט פון דִי חֵדֶר; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שִׁיקְן נִישְׁט אַרַיין דִי קִינְדֶער, און נִישְׁט דִי בָּחוּרִים. אִיךְ גֶעדֶענְק ווִי אֵיין טָאג הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט צְוֵויי בָּחוּרִים וָואס דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, גֶעדַאוֶוענְט בַּיי

מוֹהֲרָא"ש, גֶעזִיצְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"ש, דֶער טַאטֶע אִיז אַרִיבֶּער גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן זֵיי אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים קַארְג אוּן אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט, אוּן אַזוֹי ווִי בַּיי דִיר, דֶער טַאטֶע אַלֵיין אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּב אַלְס בָּחוּר צוּ מוֹהֲרָא"ש, אָבֶּער דִי קִינְדֶער נִישְׁט.

דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, וָואס גֵייט דָא פָּאר? ווִי קֶען זַיין אַ טַאטֶע וָואס פַאר זִיךְ דַארְף עֶר דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער ווִילְן קוּמֶען - לָאזְט עֶר נִישְׁט. דִי קַשְׁיָא הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט דֶעם גְרוֹיסְן תַּלְמִיד ר' יוּדְל, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶער, אַ טַאטֶע פָּארְט צוּ מִיר, גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, אוּן וֶוען זַיין זוּן ווִיל קוּמֶען - לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט קוּמֶען". דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען ר' יוּדְל פוּן דַאשוּב אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק גֶעוֶוען, הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט זַיין זוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶער, אַ טַאטֶע קוּמְט צוּ מִיר, גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, וָואלְט עֶר וֶוען גֶעדַארְפְט מִיט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ מִיר; נֵיין, דִי קִינְדֶער נִישְׁט".

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ יֶעצְט בַּיים שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מַאכְן מִיר שְׁוֶוער אוֹיפְן הַארְץ, אֵיינֶע פוּן דִי טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים בַּיי מוֹהֲרָא"ש, זַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף אִים, נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן מִיט אִים; זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צוּהִיצְט אוּן גֶעקוּקְט מִיט זִלְזוּל אוּן מִיט גֶעשְׁפֶּעט. אִיךְ הָאבּ מִיט זֵיי גֶערֶעדְט טֶעג אוּן נֶעכְט, זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען. דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן, אַז דִי קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, צוּלִיבּ דִי בּוּשׁוֹת וָואס מֶען מַאכְט זֵיי אִין אַנְדֶערֶע חֲדָרִים, אוּן צוּלִיבּ דֶעם הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַן עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, זֵיי לֶעבְּן מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, מִיט הַפָּצָה, הַפָּצָה אִיז נִישְׁט קֵיין פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ, וְכוּ' וְכוּ'.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז גֶעוֶוען, פַאר אֵיינֶעם הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט עֶר זָאל שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אוּנְזֶער חֶדֶר, פַאר אַ צְוֵוייטֶער הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט דִי חֶדֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ גוּט

גֶעקֶענְט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן קָאפּ וֵויי, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): "נָאר חַאפְּן הָאט מֶען אִים נִיט גִיקָאנְט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זִיךְ פִירִין מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. אוּן פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן פַארְשְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ. בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין אָרִים מַאן. אוּן בַּיי דֶעם פַאר אֵיין סוֹחֵר. אוּן בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט. אוּן דֶערְצוּ אַז עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען שְׁמוּסִין מִיט אַ מֶענְשְׁן. אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר קָאן בַּיי דֶעם מֶענְשְׁן נִיט פּוֹעֱלִין דָאס וָואס עֶר וִויל. פְלֶעגְט עֶר דֶעם מֶענְשְׁן אַזוֹי פַארְדְרֵייעֶן מִיט רֵייד. בִּיז סֶע גָאר נִיט גִימָאלְט גִיוֶועזְן צוּ פַאלְן אַז עֶר מֵיינְט דָאס דָאזִיגֶע דְהַיְינוּ אַז עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶועזְן צוּ שְׁטוּיסִין זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאס. חָאטְשֶׁע צוּם אֱמֶת אִיז גָאר זַיין כַּוָּונָה גִיוֶועזְן נָאר דָאס. וָוארִין וָואס עֶר הָאט גִישְׁמוּסְט אוּן גִירֶעט מִיט לַייט. הָאט עֶר מֶער נִיט גִימֵיינְט נָאר דָאס. דְהַיְינוּ אַז עֶר זָאל מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. נָאר וִוי עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר פּוֹעֱלְט בַּיי דֶעם נִיט. פְלֶעגְט עֶר אִים אַזוֹי מְרַמֶּה זַיין אוּן פַארְשְׁטֶעלִין מִיט רֵייד בִּיז יֶענֶער הָאט גִימֵיינְט אַז עֶר וִויל גָאר נִיט דָאס"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶערֶעדְט זַיין שְׁפְּרַאךְ, עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן תַּכְלִית, אָבֶּער אוֹיבּ הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר גֵייט נִישְׁט קֶענֶען בַּיי יֶענֶעם פּוֹעֵלְ'ן וָואס עֶר וִויל - הָאט עֶר יֶענֶעם אַזוֹי פַארְדְרֵייט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶועזְן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר וִויל דָא עֶפֶּעס וָואס יֶענֶער קֶען נִישְׁט הֶערְן.

בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד רֶעדְט מֶען צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַיְּסוֹד, פוּן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין רֶעדְט מֶען צוּ זֵיי קְלָארֶע דִיבּוּרִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית קוֹדֶשׁ, קְלָארֶע דִיבּוּרִים מֵיינְט נִישְׁט אִיבְּרִיגֶע רֵייד, אַז מֶען רֶעדְט אִיבְּרִיגֶע רֵייד קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קֵיין טוֹבָה, בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען דִי וֶוערְטֶער: "מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם בְּרִית", מֶען רֶעדְט נִישְׁט מֶער, נָאר דִי וֶוערְטֶער: "מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה", מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שָׂכָר וְעֹנֶשׁ, מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי וִוי שְׁרֶעקֶעדִיג עֶס אִיז סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וֶוער רֶעדְט פוּן יֶענֶע

וועלט, ווי גֶעפֶערלִיךְ די עֲבֵירָה אִיז, און קִינְדֶער אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי - פָּאלְגְן זֵיי, און פַאר דֶעם אַלֵיינְס אִיז כְּדַאי אוּנְזֶער מוֹסָד, ווייל וויפִיל אִינְגֶעלַייט און בַּחוּרִים הָאבְּן מִיר אוֹיסְגֶעגָאסְן זֵייעֶר הַארְץ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי טוּעֶן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ עֲבֵירוֹת, פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, און עֶס אִיז זֵיי אַזוֹי פִינְסְטֶער, און דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע בַּחוּרִים, טַייעֶרֶע אֵיידֶעלֶע אִינְגֶעלַייט, קִינְדֶער פוּן תַּלְמִידִים וָואס מִיר זֶענֶען גֶעזִיצְן אִינְאֵיינֶעם בַּיי מוֹהֲרָא"ש, און דָא שְׁטֶעלְט זִיךְ נָאכְאַמָאל די קַשְׁיָא, ווי קֶען זַיין, מִיר זִיצְן דָאךְ בַּיים רֶבִּינְ'ס טִישׁ און מִיר הֶערְן די זֶעלְבֶּע ווערְטֶער ווי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ די קִינְדֶער פוּן זַיין הֵיילִיג, וְאֵין פּוֹצֶה פֶּה, די קִינְדֶער ווייסְן נִישְׁט גָארְנִישְׁט; נָאךְ די וָואךְ אִיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען אַ קִינְד און גֶעוויינְט אַז עֶר דַארְף אַן עֵצָה, אַ רְפוּאָה; עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט נֶעבֶּעךְ צוּ טוּן די עֲבֵירָה און יֶעצְט אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער חֵדֶר און דֶער מְלַמֵד רֶעדְט הַארְצִיגֶע דִיבּוּרִים, דֶער מְלַמֵד פַארְמַאכְט די אוֹיגְן און זָאגְט: "טַייעֶרֶע קִינְדֶער, ווער עֶס וויל זַיין אַ צַדִיק זָאל ווִיסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן ווען מֶען גֵייט אִין בֵּית הַכִּסֵא"; דֶער קִינְד גֶעפִינְט יֶעצְט אוֹיס אַז עֶר טוּט עֶפֶּעס גָאר שְׁלֶעכְט און עֶר פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ אָפְּגֶעוואוֹינֶען און עֶר קֶען נִישְׁט, קוּמְט עֶר צוּ מִיר בֶּעטְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען אִים הֶעלְפְן.

פְרֶעג אִיךְ דִיר, לוֹינְט נִישְׁט פַאר דֶעם אַלֵיינְס צוּ שִׁיקְן אִין די הֵיילִיגֶע מוֹסָד? און ווער רֶעדְט נָאךְ בַּיי די מֵיידְלֶעךְ; וויפִיל קִינְדֶער הָאט אוּנְזֶער בֵּית פֵּיגָא גֶערַאטֶעוֶועט זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְן, חֲתוּנָה הָאבְּן, נִישְׁט טוּן שְׁטִילֶערְהֵייט עֲבֵירוֹת מִיט חַבֶר'טֶעס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, טֶעכְטֶער פוּן דָא, קִינְדֶער וָואס די עֶלְטֶערְן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קִינְדֶער פוּן עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען גֶעזִיצְן בַּיי מוֹהֲרָא"ש וְכוּ' וְכוּ', און בִּיז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ די הֵיילִיגֶע פְּלַאץ בֵּית פֵּיגָא וואוּ מֶען לֶערְנְט מִיט די קִינְדֶער קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל מִיט אַזַא רֵיינְקֵייט, מִיט אַזַא זוֹיבֶּערְקֵייט - הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן אַזֶעלְכֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס יָארְן נֶעמְט עֶס זָאל אוֹיסְגֵיין פוּן די בֵּיינֶער, פוּן די מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

הַכְּלָל, אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ אַסַאךְ בְּלֶעטֶער, און נָאכְאַלְץ וֶועט

בְּלַייבְּן דִי בְּחִירָה אוּן נִסָּיוֹן, אִיךְ זָאג דִיר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס צוּ מַאכְן; נָאר דָאס בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאסְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, אִיךְ הָאב דִיךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיט רַחְמָנוּת - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלַאכְן אוּן אָפְּשְׁפֶּעטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד, דַאנְק אִים פַאר יֶעדְן קִינְד אוּן בֶּעט אִים פַאר יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן אַלֶע לֶעבְּן מִיטְן צַדִיק אֱמֶת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן רֶבִּי'ן; שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ זֵיי דֶערְצֵיילְן אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט אִים קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דֶערְצֵייל זֵיי פוּן רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְן תַּלְמִיד מוֹהַרְנַ"תּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער פוּן אִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "'אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן', וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צוּאִוויסְן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִיק גָּמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ פָאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְן סֵייבֶּער טְרָאק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מְלַמְדִים שְׁטִיבְּל, דִי מְלַמְדִים הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז רִיכְטִיג וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי פַארְקָאכְט מִיטְן רֶעדְן פוּן נַייעֶ סָארְט קַארְס; יֶעצְט רֶעדְן זֵיי פוּן דִי 'סֵייבֶּער טְרָאק', אוּן אַזוֹי ווִי אֵיינֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן גֶעקוֹיפְט דִי סָארְט פִּיק-אָפּ טְרָאק, אַ 'סֵייבֶּער טְרָאק', אוּן דִי קִינְדֶער רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן מֶען חָלוֹמְ'ט פוּן דֶעם, פְרֶעגְן זֵיי וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג וָואס מְלַמְדִים זָאלְן טוּן?

אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן דֶעם, וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אַז אֵיינֶער קוֹיפְט זִיךְ אַזַא טְרָאק צִי אַזַא טְרָאק, אוּן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְקָאכְט פַאר דֶעם, וָואס אִיז שְׁלֶעכְט? דֶער עִיקָר זָאלְן זֵיי רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן גוּטֶע מִידוֹת, זֵיי זָאגְן: "אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ סֵייבֶּער טְרָאק זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן גֶעבְּן אַ הִיטְשׁ פַאר אַ אִיד, אוּן אַז דוּ זִיצְט אִין דַיין סֵייבֶּער טְרָאק זָאלְסְטוּ דָארְט זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז יָא אַזוֹי, אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי צוּקָאכְט פוּן דֶעם, אֶפְשָׁר קֶען מֶען מִיט דֶעם זֵיי מַאכְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אֶפְשָׁר זָאלְן עֶנְק מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם אַז דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ גוֹרָל צוּ קֶענֶען זִיצְן אִינֶעם סֵייבֶּער טְרָאק, אַרוּם פָארְן דִי שְׁטֶעטְל דֶערְמִיט. אָדֶער פְרֶעגְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוֹיבּ מֶען קֶען אַמָאל קוּמֶען אִין חֶדֶר מִיט דִי סֵייבֶּער טְרָאק אוּן וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶוענֶען שֵׁיין אָדֶער דִי קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן - זֵיי זָאלְן קֶענֶען זִיצְן אִינֶעוֵוייְנִיג; נֶעם דִי זַאךְ אִין וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְקָאכְט אוּן מִיט דֶעם בְּרֶענְג זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַאלְן בַּיימֶער אִינְמִיטְן הִתְבּוֹדְדוּת**

אַזוֹי וִוי פָּארִיגֶע וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אַ טְרַאגֶעדְיֶע אִין מָאנְסִי, אַ אִיד אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן ווען אַ בּוֹים אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן; פְּרֶעגְט אַ אִינְגֶערְמַאן: ווען עֶס אִיז דָא אַ וִוינְט קֶען מֶען גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אִין וַואלְד, אָדֶער מֶען דַארְף חוֹשֵׁשׁ זַיין אַז אֶפְשָׁר וֶועט אַ בּוֹים אַרָאפְּפַאלְן אוֹיף אִים אוּן עֶס אִיז אַ סַכָּנָה?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מֶען דַארְף נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ זַיין.

...

**דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי קַבָּלַת שַׁבָּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ וָואךְ, דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג פוּן דִי וָואךְ. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי קַבָּלַת שַׁבָּת וֶוען מֶען זָאגְט דִי קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן לְכוּ נְרַנְּנָה זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ, מֶען זָאגְט זֶעקְס קַאפִּיטְלֶעךְ אַנְטְקֶעגְן דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ. דִי עֶרְשְׁטֶע קַאפִּיטְל זָאגְט מֶען ״לְכוּ נְרַנְּנָה״, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דִי קַאפִּיטְל זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּנְטָאג, דֶערְמַאן זִיךְ אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן דַאנְק אִים אוֹיף דֶעם טָאג. דִי צְוֵוייטֶע קַאפִּיטְל זָאגְט מֶען ״שִׁירוּ לַה׳ שִׁיר חָדָשׁ״, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דֶעם קַאפִּיטְל זָאלְסְטוּ אִים דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם מָאנְטָאג וָואס אִיז פַארְבַּיי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, נָאךְ דִי דְרִיטֶע קַאפִּיטְל ״ה׳ מָלָךְ תָּגֵל הָאָרֶץ״ - זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוֹיף דִינְסְטָאג, דַאנְק אוּן לוֹיב אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אוֹיב דֶער חַזָּן חַזָּנוּת׳ט, דוּ פַארְמַאךְ דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְן פֶערְטְן קַאפִּיטְל פוּן ״מִזְמוֹר שִׁירוּ לַה׳ שִׁיר חָדָשׁ כִּי נִפְלָאוֹת עָשָׂה״ - זָאלְסְטוּ אִים לוֹיבְּן אוֹיף מִיטְוָואךְ, אוּן נָאכְן פִיפְטְן קַאפִּיטְל ״ה׳ מָלָךְ יִרְגְּזוּ עַמִּים״ - אוֹיף דָאנֶערְשְׁטָאג, אוּן בַּיי ״מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַה׳״

- דַאנְק אִים אוֹיף פְרַייטָאג, אוּן בַּיי "לְכָה דוֹדִי" זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְבֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים אִין אִידִישׁ, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר פַארְגֶעבְּן פַאר אַלֶע זִינְד פוּן דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַיינְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו אִיז דִי טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תְּהִלִּים פוּן הַלֵּל אִין דִי טָאג וָואס מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס, דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד - אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ, מֶען קֶען לֶעבְּן הֵיילִיג אוּן רֵיין.

מַיין חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו שְׁנַת תשס"א, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ קֶען זָאגְן יֶעדֶע יָאר אִין דִי יוֹם הַחֲתוּנָה - הַלֵּל מִיט דִי בְּרָכָה. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נֵס אַז אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ד), אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל, אֵיידֶער זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה זֶענֶען זֵיי אִין תְּפִיסָה, זֵיי זֶענֶען אַרֶעסְטַאנְטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאס אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סח, ז): "מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט זִיווּגִים, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן זַיין פַארְשְׁפַּארְט, אוּן דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל זִינְגְט, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט שֵׂכֶל - וֵויינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, דָאס אִיז דִי וָוארְט בַּכּוֹשָׁרוֹת - בְּכִי וְשִׁירוֹת; אֵיינֶער וֵויינְט, אוּן אֵיינֶער זִינְגְט שִׁירָה, אוּן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ ווִיל עֶנְק זָאלְן מַאכְן עֶנְקֶערֶע וַוייבֶּער פַאר חֲסִידוּת'טֶעס מוּז זַיין אַז מֶען קֶען דָאס טוּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז נִישְׁט זַאכְן וָואס אִיז בַּשָּׁמַיִם אָדֶער מֵעֵבֶר לְיָם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אוֹיבּ מֶען קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי וַוייבּ זָאל זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אָדֶער מֶען ווִיל דָאס גָאר שְׁטַארְק, אוּן מִיר אִיז דָאס גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן מַמָּשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעמַאכְט אוּן גֶעטוּן וָואס מֶען קֶען - אַז מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַיינְגֶעבַּאקְן בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קֶען זָאגְן הַלֵּל מִיט אַ בְּרָכָה אַז מַיין שְׁטוּבּ לֶעבְּט מִיטְן רֶבִּי'ן.

בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת מִיט שִׂמְחָה, וֵויין נִישְׁט בַּיי דִי סְעוּדוֹת; קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ וֵויינֶעדִיגֶע סְעוּדוֹת, זֵיי נָאר פְרֵיילִיךְ.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת, אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

...

## מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אַלֶעס גוּט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

"וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה", 'יַעֲקֹב' דָאס מֵיינְט מֶען דֶער אִיד, 'בְּאֵר שָׁבַע' דָאס אִיז דִי אֱמוּנָה, דִי זִיבֶּעטֶע סְפִירָה, דִי מַלְכוּת; אוֹיבּ אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה - 'וַיֵּלֶךְ חָרָן' וֶוערְט אַ חֲרוֹן אַף, עֶס וֶוערְט דִינִים, אוּן מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אַלֶעס נִמְתָּק.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, חַזֶר זִיךְ 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, מֶענְטְשְׁן זָאגְן 'וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן אוּן חַזֶר'ן אֱמוּנָה, וֶוער הָאט דֶען נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה? יֶעדֶער הָאט אֱמוּנָה!' אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אָן קֵיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קֵיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפֶּעטֶער שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**צְוֶועלְפְטֶע גֶעבּוּרְטְסְטָאג**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט ווי אַ קִינְד פוּן שְׁטֶעטְל חֵדֶר, כִּתָּה ז', נְתַנְאֵל הֵיילְפְּרִין נֵרוֹ יָאִיר גֵייט צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן פְרֶעגְט וָואס עֶר זָאל מְקַבֵּל זַיין צוּ זַיין גֶעבּוּרְטְסְטָאג, עֶר אִיז גֶעוָוארְן צְוֶועלְף יָאר.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:**

"זַיי מְקַבֵּל נִישְׁט אַרוֹיסְצוּקוּקְן בַּיי שְׁטִילֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן סִידוּר".

...

## מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דִי שְׁוֶועסְטֶער זָאל תְּשׁוּבָה טוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן פַאר אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער וָואס נֶעבֶּעךְ זִי לֶעבְּט מִיט אַן אַרַאבֶּער; אִיר זָאלְט בֶּעטְן נָאר דִי אֵיין זַאךְ, זִי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, זִי זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי תּוֹרָה.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וְכוּ'; עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דִי זַאךְ. עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיךְ אַריינְלֵייגְן צוּ טוּן מִיט קִינְדֶער; מֶען קֶען אִין דִי פֶעלְד אוֹיךְ שַׁיין פַארְדִינֶען, לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אָדֶער בֶּעבִּי-סִיטְ'ן קִינְדֶער; דָאס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן דֶעם מַאן מִיט פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן אַרְבֶּעטְן נָאכְמִיטָאג, לְמָשָׁל גֵיין מַאכְן כֵּלִים אוּן וֶועשׁ בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס אִיז זֵייעֶר אַן אָנְגֶענוּמֶענֶע זַאךְ דָארְט וואוּ אִיר וואוֹינְט, הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן טוּעֶן עֶס אוּן מֶען צָאלְט זֵייעֶר שֵׁיין (צְווִישְׁן זֶעכְצִיג בִּיז הוּנְדֶערְט שֶׁקֶל אַ שָׁעָה), אָבֶּער אִיר טְרַאכְט אַז עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט זַיין אַזוֹי גְרִינְג, דָאךְ ווילְט אִיר פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן אוּן אִיר ווילְט ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג, אָדֶער אִיר זָאלְט פַארְקוֹיפְן עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ.

עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אַייךְ אַז אִיר ווילְט הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן דֶעקְן דִי חוֹדֶשׁ׳לִיכֶע הוֹצָאוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי פְרֶעמְדֶע שְׁטִיבֶּער וְכוּ׳; אַ יוּנְגֶע וַוייבְּל אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זַיין בַּיי אַנְדֶערֶע שְׁטִיבֶּער, עֶס קֶען אַרוֹיס קוּמֶען פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן יִחוּד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

טְרַאכְטְס פוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּן אִין שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעקְן דִי חוֹדֶשׁ׳לִיכֶע הוֹצָאוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַייעֶר מַאן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מַצְלִיחַ; דִי וַוייבּ דַארְף נִישְׁט זָארְגְן, בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דִי וַוייבּ דַארְף אֵיין זַאךְ, מַאכְן אַלֶעס אַז דֶער מַאן זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט - אַלְץ מֶער נִיסִים פַּאסִירְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי אֱמוּנָה וָואס וֶוערְט אַרַיינְגֶעבַּאקְן אִין דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִיפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי״ן

וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, און וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פון רֶבִּי'ן וואו אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, ווִי מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אָנְרוּפְן קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ 'אַ גְרִינְהָאוּ"ז פון אֱמוּנָה', וואו מֶען רֶעדְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל פון אֱמוּנָה, אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פון אֱמוּנָה.

אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט פון אַ טַאטֶע וָואס זַיין זוּן לֶערְנְט בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר, עֶר דֶערְצֵיילְט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען יֶעצְט בַּיי זַיין שְׁווִיגֶער אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל זַיין ווַייבּ אִיז אַ קִימְפֶּעטָארִין. זַיין שְׁוֶועגֶערִין אַ מֵיידְל דֶערְצֵיילְט הַיינְט פַאר זַיין ווַייבּ אַז אִינְמִיטְן דִי נַאכְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט זִי גֶעהֶערְט ווֵיינֶען, זִי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען און גֶעהֶערְט אַז אֵיינֶער ווֵיינְט אִין בֵּית הַכִּסֵּא, זִי הֶערְט ווִי זַיין זוּן ווֵיינְט און זָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר אַן עֵצָה, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אַלֶע שְׁלָאפְן און אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין..."; בְּקִיצוּר, עֶס הָאט פַּאסִירְט וְכוּ' און עֶס הָאט שְׁמוּצִיג גֶעמַאכְט זַיינֶע נַאכְט קְלֵיידֶער, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס אַרוֹיסְצוּגֵיין פון בֵּית הַכִּסֵּא, אַנְשְׁטָאט צוּ אוֹיפְוֶועקְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הָאט עֶר פָּשׁוּט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און גֶעבֶּעטְן הִילְף.

ווִי נֶעמְט אַ קִינְד אַזַא הַשָּׂגָה, צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חַבֵר? דָאס הֶערְט עֶר נָאכְאַנַאנְד אִין חֵדֶר, וואו מֶען בַּאקְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; וָואס אִיז דָא צוּ זָאגְן? אֵיין וָוארְט, "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ!" אֲפִילוּ דִי בִּילְד אִיז נִישְׁט דִי בִּילְד וָואס אִיז דָא בַּיי אַנְדֶערֶע, אָבֶּער דִי אֱמוּנָה וָואס וֶוערְט אַיינְגֶעבַּאקְן - אִיז זֵייעֶר קְלָאר און לוֹיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א, מְסוּגָל פַאר רְפוּאָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט ה' כִּסְלֵו אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א (מ'וֹרֵנוּ הָ'רַב רֶ'בִּי שְׁ'מוּאֵל אֱ'לִיעֶזֶר אֵ'יידְלִיס) זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶעם פֵּירוּשׁ מַהַרְשָׁ"א, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ה), אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי מְחַקְּרִים אוּן פִילוֹסוֹפִים קוּמְט עֶס נִישְׁט צוּ צוּ אֵיין שְׁטִיקְל מַהַרְשָׁ"א.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פַאר זַיין טָאכְטֶער דִי צַדֶּקֶת אָדְל וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר זֶעעֶנְדִיג וִוי אָדְל אִיז אַזוֹי קְרַאנְק, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן - אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּצַעַר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ בִּין בְּצַעַר וֶועגְן מַיין טָאכְטֶער, וָואס זִי אִיז אַזוֹי קְרַאנְק", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם פַארְן רֶבִּי'ן, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מג, נא): "מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ", דִי כַּוָונָה אִיז, 'מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, 'מַלְכּוֹ' פַאר דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְלָכִים (מַאן מַלְכֵי רַבָּנָן [גִּיטִין סב.]) 'וְעֹשֶׂה חֶסֶד' אוּן עֶר טוּט חֶסֶד, 'לִמְשִׁיחוֹ' פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן, 'מֵשִׂיחַ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁמוּעֶסְן, מֵסִיחַ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט וואוּנְדֶער פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "דוּרְךְ סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער מַהַרְשָׁ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא - דִי שְׁטָאט וואוּ דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער רַב - אַ גְרוֹיסֶער קְלוֹיסְטֶער, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוּמְאָה, אוּן נִישְׁט וַוייט פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער הָאט זִיךְ

גֶעפוּנֶען דֶער אִידִישֶׁער בֵּית הַחַיִּים פוּן דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא, אוּן יֶעדֶע מָאל עֶס פְלֶעגְט זַיין אַ לְוַיָ' פְלֶעגְט מֶען דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי קְלוֹיסְטֶער, אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער פְלֶעגְן זִיךְ צוּקְלִינְגֶען אוּן פַארְכַאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין דִי טוּמְאָה.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א הָאט גֶעוואוּסְט פוּן דִי טוּמְאָה, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן, אַז וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זַיין מִטָּה דֶעם קְלוֹיסְטֶער - זָאל מֶען לֵייגְן אוֹיפְן בֶּעט זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר חִידוּשֵׁי מַהַרְשָׁ"א. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט דוּרְכְגֶעפִירְט זַיין מִטָּה דוּרְךְ דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן טוּמְאָה, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דִי מִטָּה אִיז אַרִיבֶּער דִי טוּמְאָה אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בֶּעט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם קוּקְט זִיךְ צוּ, עֶס אִיז אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א נָאכְן פְּטִירָה זִיצְן אוּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער, אוּן אַזוֹי מִישְׁנְדִיג זֶעט מֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דִי קְלוֹיסְטֶער הוֹיבְּט אָן אַיינְזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, יֶעדֶע בְּלַאט וָואס דֶער מַהַרְשָׁ"א מִישְׁט - גֵייט אַרָאפּ דִי גַאנְצֶע טוּמְאָה מֶער אוּן מֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט אַלֶע חֲפָצִים; בִּיז מֶען הָאט אִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעזֶען אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ זֵכֶר, אַ סִימָן - דָארְט אַרוּם דִי פְּלַאץ עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט אָדֶל זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גוּט צוּ שְׁפִּירְן, אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ רְפוּאָה, אוֹיךְ רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר חוֹלִים, אוּן הַיינְט אִין דֶער יָארְצַייט אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, עֶס בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי, מֶען דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וֶוען מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, וִוי לַאנְג אִיז דֶען דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ? אוּנְזֶערֶע טֶעג זֶענֶען "כְּצֵל עוֹבֵר", וִוי אַ שָׁאטְן וָואס גֵייט פַארְבֵּיי. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ; דִי יָארְן פְלִיעֶן אַוֶועק זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב), דִי יָארְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ גֵייעֶן אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַ שָׁאטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער; נִישְׁט אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט, אוּן נִישְׁט וִוי דֶער שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, נָאר אַסַאךְ שְׁנֶעלֶער, וִוי דֶער שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

טְרַאכְט אַרַיין, זַיי זִיךְ מְיַשֵּׁב, וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט אוּנְז? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִים מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים מְזַכֶּה זַיין מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט אוּנְז; אַז מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען.

נֶעם אַ זֶעקְל גִּלְיוֹנוֹת, סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידִים וְכוּ' וְכוּ' - אוּן גֵיי בַּיי דִי הַייזֶער, בַּיי דִי שׁוּלְן, בַּיי שִׂמְחוֹת, אוּן זַיי מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אוּן נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען זֵיי מְחַיֶּה זַיין.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מֵפִיץ, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן

דֶער וֶועלְט, און עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְאָתֵי", און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרֵיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, וִוי אַזוֹי בִּיסְטוּ מְקוֹרָב גֶעוָוארְן? וֶוער הָאט דִיר מְגַלֶּה גֶעוֶועזְן דֶעם רֶבִּי׳ן? זִיכֶער דוּרְךְ אַ מֵפִיץ, דוּרְךְ אֵיינֶער וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין בַּאקְוֶועמֶע וֶועג; זָאלְסְטוּ טוּן דָאס זֶעלְבִּיגֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, מִיט שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב, און אוֹיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, און מֶען פַארְגֶעסְט וָואס דֶער עִיקָר אִיז און וָואס אִיז דֶער טָפֵל; וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער, דֶעם רֶבִּינְ׳ס אֵיידֶעם, וָואס אִיז דָא נֶענְטֶער פוּן קִינְדֶער? דָאךְ שְׁרַייבְּט אִים דֶער רֶבִּי (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז״ל, בְּרֵישׁ סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא און שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר און פוּן עִיקָר אַ טָפֵל; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט און וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיים רֶבִּי׳ן אַן עִיקָר - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

זֶע עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דַיין טָאג אָן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וְכוּ' אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו). דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי חֲסִידִים אוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע"; בַּיי חֲסִידִים אִיז דֶער עִיקָר 'תְּפִלָּה', אוּן בַּיי דִי לִיטְוִוישֶׁע אִיז דֶער עִיקָר 'תּוֹרָה', אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען בֵּיידֶע - סַיי תּוֹרָה אוּן סַיי תְּפִלָּה, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן דֶער עִיקָר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם", וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? "אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל, וְלִלְמֹד, וּלְהִתְפַּלֵּל", נָאר דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

וואוּ דוּ גֵייסְט זָאלְסְטוּ מִיט נֶעמֶען דַיין קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת'ל, מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט זִיךְ בַּארִימֶען: "וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶעם מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת זָאגְט מֶען גְלַייךְ אוֹיף אִים 'עֶר בַּאלַאנְגְט בַּיי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'"; זֶע צוּ הָאבְּן דַיין מִשְׁנָיוֹת וואוּ דוּ גֵייסְט נָאר, מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען מִיט דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אוֹיךְ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, רֶעד צוּ אִיר מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וִוי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעקוּקְט אֵיידֶער מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, וִוי צֶעבְּרָאכְן מֶען אִיז גֶעוֶוען, וִוי מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אַז מֶען וֶועט נָאךְ אַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג זִי זָאל נִישְׁט וֵויינֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, "מִתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה", וַוייל אַ פְרוֹי וֵויינְט שְׁנֶעל, פְרוֹיעֶן זֶענֶען זֵייעֶר גֶעפִילִישׁ, זֵייעֶר הַארְצִיג, וֵויינֶען זֵיי שְׁנֶעלֶער.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר. בַּיים שִׁיעוּר וֶועלְן מִיר רֶעדְן פוּן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו, פוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...